NEW YORK STATE | Department of Health | Office of Health Insurance Programs




### וואס איר דארפט וויסן וועגן:
# לעבן מיט
# סיקל צעל קראנקהייט

## פארשטיין סיקל צעל קראנקהייט

### האט איר געוואוסט...?

- סיקל צעל קראנקהייט אפעקטירט אייער רויטע בלוט צעלן. עס טוישט זייער פארעם. אנשטאט זיין רונדעכיג, זעען זיי אויס מער ווי די אות "C".
- סיקל צעל קראנקהייט פאראורזאכט רויטע בלוט צעלן צו שטארבן פרי. ווען דאס פאסירט, איז נישט דא גענוג צעלן צו טראגן אקסידזשען ארום די קערפער. דער צושטאנד הייסט אנעמיע.
- סיקל צעל קראנקהייט מאכט אז רויטע בלוט צעלן זאלן קלעבן איינע צום צווייטן און בלייבן שטעקן אין בלוט א. דאס קען פאראורזאכן ווייטאג, בלוט קלאטס, און פראבלעמען מיט איברים אריינגערעכנט די הארץ, לונגען און נירן. [1,2]
- האבן סיקל צעל קראנקהייט מאכט -אייך גרינגער צו באקומען אנטצינדונגען. [3]
- מענטשן מיט סיקל צעל קראנקהייט ווערן געבוירן מיט דעם. עס איז אפגעשאצט אז 100,000 אמעריקאנער האבן דעם קראנקהייט. [4]
- איינער וואס האט סיקל צעל קראנקהייט קען לעבן א לאנגע און פולע לעבן.

## וויאזוי צו שפירן גוט

### וואס קענט איר טון?

סקעדזשול'ט און האלט אן רעגלמעסיגע באזוכן מיט אייער העלט קעיר פראוויידער.

אייער העלט קעיר פראוויידער קען אייך פארשרייבן א מעדיצין ג ערופן hydroxyurea צו העלפן קאנטראלירן דעם קראנקהייט און פארמיידן ווייטאג קריזיסן. פאלגט אויס אייער העלט קעיר פראוויידער'ס אנווייזונגען פארן נעמען דעם מעדיצין נעמט עס ווייטער אפילו אויב איר שפירט זיך גוט.

רעדט מיט אייער העלט קעיר פראוויידער וועגן האלטן אייער וואקסינען אפ טו דעיט, ספעציעל די וואקסין וואס העלפט פארמיידן לונגען אנטצינדונגען.

וואשט אייערע הענט מיט זייף און וואסער עטליכע מאל א טאג

עסט געזונטע עסנווארג.

טרינקט אסאך וואסער.

### פרובירט צו פארמיידן:

- צו טון זאכן וואס מאכן אייך שפירן צו הייס אדער צו קאלט.
- צו זיין אויף הויכע לופט שטאפלען (אזוויא פליען אין א פליגער אדער באזוכן געוויסע שטעט).
- צו טון זייער שווערע איבונגען.

## זייט אייער אייגענער געזונטהייט אדוואקעיט!

נוצט אייער Medicaid בענעפיטן אייך צו העלפן בלייבן געזונט

**די Medicaid בענעפיטן קענען אייך העלפן פארמיידן פראבלעמען**

- **מעדיצינישע באזוכן**, כדי איר זאלט קענען רעדן מיט אייער העלט קעיר פראוויידער וועגן וויאזוי איר פילט.
- **מעדיצינען, אריינגערעכנט hydroxyurea** וועלכע קען אייך העלפן שפירן גוט און פארמיידן ווייטאג
- **וואקסינען**, צו העלפן פארמיידן אנטצינדונגען
- **מעדיצינישע טעסטס**, צו מאניטערן אייער געזונט און קוקן וויאזוי אייערע איברים ארבעטן.
- **קעיר מענעדזשמענט סערוויסעס** דורך דער העלט היים פראגראם, וועלכער קען אייך העלפן ערלעדיגן די סערוויסעס און מעדיצינישע קעיר וואס איר דארפט.

***אויב איר האט פראגעס וועגן נוצן אייער בענעפיטן, רופט דער טעלעפאן נומער וואס שטייט אויף אייער Medicaid קארטל.***

**געוואר צו ווערן מער וועגן סיקל צעל קראנקהייט, ביטע באזוכט**

**www.cdc.gov/ncbddd/sicklecell**

## ווייסט ווען צו זוכן מעדיצינישע הילף

**פאלגט אויס די סיקל צעל קראנקהייט עמערדזשענסי וועגווייזער אנווייזונגען אויף:**

**https://www.cdc.gov/ncbddd/sicklecell/healthyliving-emer-guide.html**

1: https://www.cdc.gov/ncbddd/sicklecell/betterhealthtoolkit/caring-for-common-complications.html
2: https://www.cdc.gov/ncbddd/sicklecell/treatments.html
3: https://www.cdc.gov/ncbddd/sicklecell/treatments.html
4: https://www.cdc.gov/ncbddd/sicklecell/data.html

אפריל 2021
14696